
LA
FIN DU MONDE
CAMILLE FLAMMARION
PARIS
ERNEST FLAMMARION ÉDITEUR


OMEGA
THE LAST DAYS OF THE WORLD
CAMILLE
FLAMMARION
INTRODUCTION BY
ROBERT SILVERBERG

# אין 10 מיליאן יאהרען ארום

## פלאמאריאנ'ס אסטראנאמישער ראמאן.

---

## ערשטער טייל.

## (2 דער קאמעט אין 25־טען יאהרהונדערט

### א געפאהר פון הימעל.

הײנט 28.08.1908

[...] דאס לעבען פון דער גאנצער מענשהייט איז אזוי ווי געבליבען שטעהן און אבגעשטארבען. איוף אלע געזיכטער האט זיך אויסגעדריקט אונרוהע. גאנץ אינבעקאנטע מענשען האבען אנגעהויבען רעדען איינער מיט'ן צווייטען און פון אלע בלאס־געווארענע ציטערנדע ליפען האט מען געהערט איין און די זעלבע פראגע: „ציטרען איז דאס אמת?"... די שרעקליכסטע מגפה וואלט נישט געקאנט ערוועקען אזוי פיעל שרעקען אין די הערצער, ווי עס האט ערוועקט די אסטראנאמישע ידיעה, וועגען וועלכער מען האט איצט נישט אויפגעהערט אומעטום צו רעדען. א מגפה וואלט געוויס אומגעבראכט ווייניגער מענשען ווי די דאזיגע ידיעה, וועלכע האט אנגעיאגט אזא שרעק אויף אלעמען, אז פיעל מענשען זענען שוין געשטארבען פון שרעק.

שרעקליכער ווי די גרעסטע קאטאסטראפע אליין איז דאס ווארטען און ריכטען זיך אויף א קאטאסטראפע. א פלוצלינגער שטארקער אונגליק קאן א מענשען געוועהנליך טויטען אדער מאכען פאר א קאליקע; אבער קוים איז מען ווידער צו זיך געקומען, קאן מען זיך טרייסטען און ווידער אנהויבען לעבען. איצט אבער האט מען זיך געמוזט פיינינען אין ווארטעניש אויף א אונבעדינגטע און געהיימניספולע שרעקליכע וועלט־געשעהעניש. עס איז קיין צווייפעל נישט: אלעמען וועט אויסקומען אין גיכען צו שטארבען. די גאנצע פראגע איז נאר געוועזען: ווי אזוי וועט אויסקומען צו שטארבען און וועלכע ליידען וועט די מענשהייט מוזען איבערטראגען פאר'ן שרעקליכען טויט? צי וועט זי צעקוועטשט ווערען פון דעם צוזאמענשטויס, אדער זי וועט אומקומען אין פלאם פון דעם פאנאנדערגעברענטען ערד־קוגעל, אבער זי וועט דערשטיקט ווערען אין דער פערגיפטעטער לופט? דאס ריכטען זיך אויף אזעלכע טוידטען איז געוועזען שרעקליכער ווי דער טויט אליין. עס איז שוין קיין כחות נישט געוועזען אריבערצוטראגען אזא מין מאטערניש. זיך כסדר פייניגען און זיך יעדען אווענד פרעגען: וואס וועט מארגען זיין? — דאס איז אלץ איינס ווי טויזענד מאל שטארבען. און צו דער דאזיגער פייניגענדער ווארטעניש איז נאך איצט צוגעקומען א שרעק, א שרעקליכע פאניק, פון וועלכער דאס בלוט האט געפרירט אין די אדערן און די האאר האבען זיך געשטעלט קאפויער. דער דאזיגער שרעק האט אזוי ווי א אונבארמהערציגער דבוק אנגעפילט

די גאַנצע נשמה, דאָס האַרץ, דעם גאַנצען געדאַנקען, און עס איז געוואָרען אונמעגליך צו טהון עפּעס אַנדערש, זיך מיט עפּעס צו בעשעפטיגען.

שוין אַנ׳ערך אַ מאָנאַט ווי אַלע געשעפטען און מסחרים זענען געבליבען שטעהן. שוין גאַנצע צוויי וואָכען ווי דער קאַבינעט פון די אַדמיניסטראַטאָרען (אַ מאָל אין די אַלטע צייטען, מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק, האָט עס געהייסען דער פּאַרלאַמענט און דער סענאַט) האָט איינגעהערט צו האָבען זיצונגען, וויַיל מען האָט קלאָר איינגעזעהן, אַז עס איז אונמעגליך צו בעטראַכטען מיט אַ רוהיגען קאָפּ די מלוכה־ענינים. מיט אַ וואָך צוריק זענען אויך פערמאַכט געוואָרען די בערזען אומעטום: אין פּאַריז, לאָנדאָן, נויאָרק, טשיקאַגאָ, מעלבורן און פּעקין. צי דען האָט געלוינט זיך צו בעשעפטיגען מיט מסחר, מיט איינערע אָדער אויסערע פּאָליטיק, מיט ביורושעט־פראַגען, אָדער בעטראַכטען נייע רעפאָרמען, ווי באַלד אַז אין גיכען נעהט די וועלט סיי ווי סיי אונטער? וועגען דער פּאָליטיק האָט מען אפילו פערגעסען צו קלערען. גלייך ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט עקזיסטירט קיין פּאָליטיק. די פּאָליטיק איז געוואָרען ווי גאָרנישט, ווי אַ געפּלאַצטער זייפענבלאָז. אין די גערינגסטען האָט מען איינגעהערט צו פיהרען פּראָצעסען, וויַיל אפילו די גרעסטע פערברעכער איז שוין איצט נישט געלעגען אין קאָפּ צו הרג׳נען מענשען אָדער בעגעהן אַנדערע פערברעכען. בכלל האָבען אַלע עפּעס ווי פערלאָרען דעם גרונד אונטער די פיס, — ביי אַלעמען האָבען די הערצער געקלאַפּט אַזוי שטאַרק, אַזוי ווי זיי וואָלטען נאָר וואָס געדאַרפט שטיל בלייבען אויף עביג.

אומעטום האָט מען בעגעגענט נאָר טרייעריגע געזיכטער, איינגעפאַלענע און בלאַס געוואָרענע פון נישט שלאָפען. נאָר די פרויען־קאָקעטעריי אַליין האָט זיך נאָך נישט אין גאַנצען אָבגעלאָזען. דאָך איז אויך די קאָקעטעריי שוין געוואָרען שוואַכער, אייבערפלעכליכער, אַזוי ווי זי וואָלט נאָר געוואָלט אויסניצען דעם מאָמענט און נישט קלערען וועגען מאָרגען.

אפילו פאַר די גרעסטע אפיקורסים און צווייפלער, וואָס גלויבען נישט אין קיין זאַך, האָט זיך איצט די לאַנגע אויסגעוויזען זעהר ערנסט און כמעט אָהן האָפנונג. אין דעם משך פון דער גאַנצער היסטאָריע פון דער מענשהייט איז איהר נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו שטעהן פאַר אַזאַ מין געפאַהר. דער הימעל, אין געשטאַלט פון אַ מוראדיגען שטערן, האָט דער מענשהייט געשטעלט די אונבאַרמהערציגע פראַגע פון ״לעבען אָדער טויט.

## אין 10 מיליאָן יאָר אַרום

פֿלאַמאַריאָנס אַסטראָנאָמישער ראָמאַן

ערשטער טייל: דער קאָמעט אין 25טן יאָרהונדערט

א געפֿאַר פֿון הימל

[...]

דאָס לעבן פֿון דער גאַנצער מענטשהייט איז אַזוי ווי געבליבן שטיין און אָפּגעשטאָרבן. אויף אַלע געזיכטער האָט זיך אויסגעדריקט אומרו. גאַנץ אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן אָנגעהויבן רעדן איינער מיטן צווייטן און פֿון אַלע בלאַס־געוואָרענע ציטערנדיקע ליפּן האָט מען געהערט איין און די זעלבע פֿראַגע: "צי דען איז דאָס אמת?"... די שרעקלעכסטע מגפֿה וואָלט נישט געקאָנט דערוועקן אַזוי פֿיל שרעקן אין די הערצער, ווי עס האָט דערוועקט די אַסטראָנאָמישע ידיעה, וועגן וועלכער מען האָט איצט נישט אויפֿגעהערט אומעטום צו רעדן. אַ מגפֿה וואָלט געוויס אומגעבראַכט ווייניקער מענטשן ווי די דאָזיקע ידיעה, וועלכע האָט אָנגעיאָגט אַזאַ שרעק אויף אַלעמען, אַז פֿיל מענטשן זענען שוין געשטאָרבן פֿון שרעק.

שרעקלעכער ווי די גרעסטע קאַטאַסטראָפֿע אַליין איז דאָס וואַרטן און ריכטן זיך אויף אַ קאַטאַסטראָפֿע. אַ פּלוצלינגער שטאַרקער אומגליק קאָן אַ מענטשן געוויינטלעך טייטן אָדער מאַכן פֿאַר אַ קאַליקע; אָבער קוים איז מען ווידער צו זיך געקומען, קאָן מען זיך טרייסטן און ווידער אָנהייבן לעבן. איצט אָבער האָט מען זיך געמוזט פּײַניקן אין וואַרטעניש אויף אַן אומבאַדינגטע און געהיימנישפֿולע שרעקלעכע וועלט־געשעעניש. עס איז קיין צווייפֿל נישט: אַלעמען וועט אויסקומען אין גיכן צו שטאַרבן. די גאַנצע פֿראַגע איז נאָר געווען: ווי אַזוי וועט אויסקומען צו שטאַרבן און וועלכע לײַדן וועט די מענטשהייט מוזן איבערטראָגן פֿאַרן שרעקלעכן טויט? צי וועט זי צעקוועטשט ווערן פֿון דעם צוזאַמענשטויס, אָדער זי וועט אומקומען אין פֿלאַם פֿון דעם פֿונאַנדערגעברענטן ערדקוגל, אָדער זי וועט דערשטיקט ווערן אין דער פֿאַרגיפֿטעטער לופֿט? דאָס ריכטן זיך אויף אַזעלכע טויטן איז געווען שרעקלעכער ווי דער טויט אַליין. עס איז שוין קיין כּוחות נישט געווען אַריבערצוטראָגן אַזאַ מין מאַטערניש. זיך כּסדר פּײַניקן און זיך יעדן אָוונט פֿרעגן: וואָס וועט מאָרגן זײַן? דאָס איז אַלץ איינס ווי טויזנט מאָל שטאַרבן. און צו דער דאָזיקער פּײַניקנדיקער וואַרטעניש איז נאָך איצט צוגעקומען אַ שרעק, אַ שרעקלעכע פּאַניק, פֿון וועלכער דאָס בלוט האָט געפֿרוירן אין די אָדערן און די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. דער דאָזיקער שרעק האָט אַזוי ווי אַן

אומבאַרעמהאַרציקער דיבוק אָנגעפּילט די גאַנצע נשמה, דאָס האַרץ, דעם גאַנצן געדאַנק, און עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו טאָן עפּעס אַנדערש, זיך מיט עפּעס צו באַשעפֿטיקן.

שוין אַן ערך אַ מאָנאַט ווי אַלע געשעפֿטן און מיסחרים זענען געבליבן שטיין. שוין גאַנצע צוויי וואָכן ווי דער קאַבינעט פֿון די אַדמיניסטראַטאָרן (אַ מאָל אין די אַלטע צײַטן, מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, האָט עס געהייסן דער פּאַרלאַמענט און דער סענאַט) האָט אויפֿגעהערט צו האָבן זיצונגען, ווײַל מען האָט קלאָר איײַנגעזען, אַז עס איז אוממעגלעך צו באַטראַכטן מיט אַ רויִקן קאָפּ די מלוכה־ענינים. מיט אַ וואָך צוריק זענען אויך פֿאַרמאַכט געוואָרן די בערזן אומעטום: אין פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, מעלבורן און פּעקינג. צי דען האָט געלוינט זיך צו באַשעפֿטיקן מיט מיסחר, מיט אינערע אָדער אויסערע פּאָליטיק, מיט בודזשעט־פֿראַגן, אָדער באַטראַכטן נײַע רעפֿאָרמען, ווי באַלד אַז אין גיכן גייט די וועלט סײַ ווי סײַ אונטער? וועגן דער פּאָליטיק האָט מען אַפֿילו פֿאַרגעסן צו קלערן, גלײַך ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט עקזיסטירט קיין פּאָליטיק. די פּאָליטיק איז געוואָרן ווי גאָרנישט, ווי אַ געפּלאַפּטער זייפֿנבלאָז. אין די געריכטן האָט מען אויפֿגעהערט צו פֿירן פּראָצעסן, ווײַל אַפֿילו די גרעסטע פֿאַרברעכער איז שוין איצט נישט געלעגן אין קאָפּ צו הרגענען מענטשן אָדער באַגיין אַנדערע פֿאַרברעכנס. בכלל האָבן אַלע עפּעס ווי פֿאַרלוירן דעם גרונט אונטער די פֿיס, בײַ אַלעמען האָבן די הערצער געקלאַפּט אַזוי שטאַרק, אַזוי ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס געדאַרפֿט שטיל בלײַבן אויף אייביק.

אומעטום האָט מען באַגעגנט נאָר טרויעריקע געזיכטער, אויסגעפּײַניקטע און בלאַס־געוואָרענע פֿון נישט שלאָפֿן. נאָר די פֿרויען־קאָקעטערײַ אַליין האָט זיך נאָך נישט אין גאַנצן אָפּגעלאָזן. דאָך איז אויך די קאָקעטערײַ שוין געוואָרן שוואַכער, אייבערפֿלעכלעכער, אַזוי ווי זי וואָלט נאָר געוואָלט אויסניצן דעם מאָמענט און נישט קלערן וועגן מאָרגן.

אַפֿילו פֿאַר די גרעסטע אַפּיקורסים און צווייפֿלער, וואָס גלייבן נישט אין קיין זאַך, האָט זיך איצט די לאַגע אויסגעוויזן זייער ערנסט און כּמעט אָן האָפֿענונג. אין דעם משך פֿון דער גאַנצער היסטאָריע פֿון דער מענטשהייט איז איר נאָך קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו שטיין פֿאַר אַזאַ מין געפֿאַר. דער הימל, אין געשטאַלט פֿון אַ מוראדיקן שטערן, האָט דער מענטשהייט געשטעלט די אומבאַרעמהאַרציגע פֿראַגע פֿון לעבן אָדער טויט.

[...]